## זאמלונג פאר ליטעראטור און קולטור

ארויסגעגעבן פון דעם
יידישן ליטעראטן און
זשורנאליסטן קלוב
אין ארץ־ישראל

### אינהאלט:

יעקב שטאל: אין טאג פון וואַלשערן (איינאקטער) | פאפירניקאוו: לידער | א. ריוועס: אין ד״ר תפוחי׳ס קיניגרייך | בילדלעך. אהרן קאווע: דער שומר דערציילט | לייבל חיין: דער תושב | ש. לאקס: אריינגעפאלן | מאטל וועקסלער: אין יעדן הויז(ליד) | אברהם בליי: א וואזאנע | ד״ר נ. ראפאלקעס: שאשליק ליטעראטור | י. רובין: דער גלגול פון א קרעכץ | ב. אס—ווסקי: די העברעאישע פרעסע און דאס היגע יידישע לעבן | א. שאווסקי: משה דוד גיסער | פון פיינט און פריינט. „מאי״ „יוני״: ד.ל. | העברעאיש־מוזיקאלישער קיבעץ: א. ב. | ועדת התרבות פארשפרייט יידישע ליטעראטור: ג. ד. | א כשר׳ער טאפ און א כשר׳ער לעפל: א. ב. | נישט באשערט א קבצן צו זיין: ד. ל. | איבערזעצטע און נישט איבערזעצטע: ד. ל. | אוי די קנאה ד. ל. | משה סטאווסקי: ד. ל. | נאטיצן.

תל־אביב
סעפטעמבער 1931

נאמען; אזוי הייסט ער אומעטום צווישן חברה ביי דער ארבעט: יאפאנטשיק. נאר אין די אוונטן אין דער ארבעטער־בירזשע, ווען מען רופט אויס דורך דעם פענסטערל די איינגעארדנטע אויף ארבעט: יודעלעוויטש זלמן!—איז צו אלעמענס פארוואונדערונג גיט זיך פון דעם געדיכט־צוזאמענגעפרעסטן געזעמל חברה א טייל אויס א קווי־טשיקע שטימע: יש!

יאפאנטשיק, ווי קומט צו דיר אזא יידישער נאמען?

אוודאי וואלט ער מיט שטאלץ דערציילט פון זיך, די געשיכטע פון זיין שטאם, און דערציילט וואלט ער מיט ברען, און דוקא גע־שווינד, נישט לייגענדיק קיין אכט וואס ער זאאיקעט זיך און די ליפן ציטערן פון משוגענעם פיבער. ער וואלט דערציילט, אז ער שטאמט פון א משפחה שטאלצע, עקשנותדיקע יידן, אז זיינער אן אור־זיידע איז אויף קידוש־השם געגאנגען, אין זיינע אדערן פליסט הייס יידיש בלוט. אז ער האט עס דער ערשטער פון זיין שטעטל געריסען זיך אין ארץ ישראל, און נישטא קיין איין ווינקלע אין לאנד וואו זיינע פיס זענען דארט נישט געווען.—נאר צו מעלמאנען פילט יאפאנטשיק א באזונדערן רעספעקט ווי א יונגער צו אן עלטערן מאן, און איזן איז ער דאך אין די זעלבע יארן מיט אים: 24 יאר איז אים דא אקארשט געווארן—ער האט זיך אבער שוין אויסגעהארעוועט ווי א ייד אין די פופציקער.

א סך מאל האט ער שוין געוואלט אנרופן מעלמאנען ביים נא־מען, און מעלמאן פילט עס הינטער זיך, אבער ער וויל נישט איצט אימעצער זאל אים שטערן, מ׳זאל אים אויפוועקן גאר אין מיטן פון זיין באגינעדיקן שווייגען—זיין רוישיק שווייגען, א המשך פון דער פאריקער נאכט...

—איבער א צווייט פעלד ערגיץ צו מערב־זייט טראגט זיך אין דער זעלבע רגע אסתר, אן ארבעטארין, א געניטע, פון דערווייטן וואלט מען נישט געקענט אונטערשיידן, אז דאס איז גאר א מיידל. די אייביקע זונען און ווינטן האבן איר לייב פארברענט, פארפויערישט. די ברייטע ארבעטס־הויזן אויף איר האבן איר צוגעגעבן מענערישע ענלעכקייט, און דערביי איז זי אזוי ווייבלעך צארט מיט יעדער קער אירן ביי דער ארבעט. הינטער דער לייוונטענער ארבעטס־בלוזע האמערט ביי איר דאס הארץ טיף, געמאסטן—מעלמאן איז אין גאנצן דורכגעדרונגען מיט אסתרן, זיינע פיס טראגן זיך גיין־גיך געטריבען פון צערודערטע מחשבות, ווען ער וואלט איר איצט בא־געגענט, וואלט ער איר געזאגט דאס אנטשיידענע ווארט, מיט כוח פון איבערגעפולטן הארצן.

ביי טאג איז ער אזוי שטאלץ פאר איר, פאר אלעמען, די נאכט־יא, די נאכט צינדט אין אים אן אנדער פייער, פארלירט ער ס׳לשון, ס׳רעדט אין אים דאס הארץ מיט פארפלייצטן אטעם, ס׳שטראמען בלוטן הייסע, טונקעלע, ער רעדט נישט,— ס׳גליען די הענט, די ארעמס—און אסתר רייסט זיך, ווערט זיך מיטן מויל, מיט די ציינער...

איצט אין דעם ליכטיקן, אויסגעניכטערטן פרימארגן באנעמט ער דעם שארפן מהלך פון איר ביז אים.

—ער וועט צום ראיעלן תכלית קיין מאל נישט דערגיין, ווייל ער איז נישטא, ער איז אן אויסגעטראכטער.

און זי זאגט אים:

—איך וועל זיין דיין אין גאנצן, און גאנצן——ביז מיר וועלן האבן אונזער נעסט, מיר דארפן עס ברענגען אויף אונזערע פליגלען, די וועלט איז אזא ברייטע און רחבותדיקע—אבער נישט צו אונז, צו אלעמען געהערט זי,—ווי אזוי קענען מיר א קליין חלק׳ל פאר אונ־זערטוועגן אפטיילן?

מעלמאנס געדאנקען זענען כאאטיש, צעפלאסן—און דאס הארץ גרונטעוועט זיך תמיד בלינד צו איינס, צו באשטימטס—צו ווארעם בלוט...

—צום טייוול!—האט זיך אים ארויסגעריסן א קללה פון מויל. ער האט איבערגעלייגט די כלי פון איין אקסל אויפן אנדערן:— איז וועמענס קיניגרייך העלפט ער בויען—זיינס?—אדער דעם ד״ר תפוחי׳ס—צו דעם־א האט מען אים געשיקט הייגטיקס מאל,—ער פלאנצט זיך א פרדס, וועט ער, מעלמאן, ארייינפלאנצן זיין כח אין פרעמדנס אייגנטום. ער האט געפילט, אז אט באלד האט אים שוין „יאפאנטשיק" דערגעררייכט, און ער, אויף צולהכעיס, וויל ער זיך נישט אומדרייען צו אים — עפעס א מאדנע קאפריז האט זיך אין אים פארקליבן, און יאפאנטשיק רירט דאך שוין אן מיטן האנט זיין קארק, א גאנצע



גארשטש מיט ווערטער שפרינגט אים שוין אויף די ציטערנדיקע ליפן, און ער מעלמאן, א צעטראגענער שטעלט טריט, פליקט די פארפלאנטערטע, איינגעוואקסענע גראזן.

—מממעלמאן!—האט יאפאנטשיק ממש פארצווייפלט ארויס־געשטאמלט—מיר דוכט אז מיר זענען אריבער דעם וועג—מיר האבן דאכט זיך באדארפט גיין אט־דא אריבער...

מעלמאן האט זיך אויסגעדרייט. יאפאנטשיק האט גענומען ווייזן מיט די הענט אויף אהינטער, וואו עס פארנעמט זיך אן אנדער וועג, און דא שטייען זיי ביידע מיט גרויסע רונדע שטרויענע היט אויף די קעפ, אזוי הויך דערהויבען שטייען זיי איבער א בארג־אפריס. אויפן שפיץ און ווייטער, אין דער טיפקייט פון טאל, קלעטערט א מאנדל־כרם, לאזט זיך ראפטום מיט לאנגע שורות ביימער ארונטער, ארונטער, ווי ער וואלט זיך געאיילט און געלאפן ערגיץ ווייט, און אט טוליעט ער זיך אין דער נידער אין טיפער גרינקייט.

מעלמאן האט אים צעחושט אנגעקוקט, ביי יאפאנטשיקן האבן די פעטע אייגלעך געגליטשט זיך, געפיבערט און די ווינקל אויגען.

—אבער וואס איז מיר דער נפקא־מינה צו דער, צו אן אנדער וועג? מיר וועלן סיי־ווי נישט דערגיין...

—וו־וו־אס? האט ביי יאפאנטשיקן געציטערט די אויבערשטע ליפ—מיר האבן זיך באדארפט פארנעמען אן פון יענער זייט—האט ער אויסגעשטרעקט די האנט דארט אהין וואו א וואגן האט זיך געשניטן מיט די רעדער אין א זאמדיקער סטעזשקע, צעטרייבנדיק אין דער הייך גאנצע וואלקנס שטויב.

מעלמאנען האט אנגעכאפט א קעגן־ווילן, זיין גיין איז עפעס געווען ווי איבעריק, געצוואונגען, אנגעווארפן. ער וואלט זיך אוועקגע־זעצט אט־דא נישט ווייט ביים פארעלטערטן, צעקרימטן איילבירט־בוים—און וואלט עס אלץ מוחל געווען. ער קען נישט מסכים זיין מיט אסך מענטשלעכע דרכים. עס האט אין אים געבושעוועט א צארן וואס איז נישט איצט, אין דער רגע, געבוירן געווארן. עס נעסטיקט זיך ביי אים פון צייטן—פון אן אייביקייט. ער האט דעם מעדר פון אקסל אויף דער ערד אראפגעשטעלט, און יאפאנטשיק האט ארום אים געהיצט, געפלאנטערט מיט די פיס און גערעדט דוקא גיך, געשלונגען די ווערטער.

—וואו איז ער דארט פארקראכן מיט זיין פרדס? וואו דער טייוול האט קיין עק נישט?

פונדערווייטן, אונטער א שורה ביימער האט א שיין געטאן א געשטאלט אין ווייסע לייוונטענע מלבושים, געמאכט מיט די הענט פארויס און געפלאכטן זיך צווישן די גרין־באבלעטערטע ביימער. וואס א רגע מער האט ער זיך צו זיי דערנענטערט, אונטערשפרינגענ־דיק, קוליענדיק מיט די אויסגעפולטע פיס, ווי ער וואלט עפעס צו זיי גערופן, געוואונקען מיטן קאפ, מיט א צען טריט פריער האט ער ארויסגעשריגן מיט א הילכיקער, באנומענער שטימע:

—טאקע צו מיר גייט איר, בחורים,—צום ד״ר תפוחי? אויס־געצייכנט...—ער האט נישט געווארט אויף קיין ענטפער און געהאלטן ווייטער אין איין מאלן:

—אט האב איך דאך אייך געווארט א שטיק פון באגינען. צוגעזאגט מיר צושיקן מער, וויפל זענט איר? הא־הא, מסתמא זענען זיי שוין אויפן פלאץ... וויפל זענט איר? צוויי—אויסגעצייכנט...

ער האט פון א בוזים־קעשנע ארויסגעשלעפט א וואגיקן וועק־זייגער, וואס האט פארהילכט די אויערן מיט זיין באנומענעם, באלעבאטישן טיק־טאק.

—בדיוק צען מינוט פאר זיבן—האט ער אויסגעגלאצט א פאר אנגעגאסענע אויגן אויפן ציפער־בלאט — מיר וועלן נאך באווייזן צו זיין אויפן פלאץ.

ער איז געלאפן פארויס פאכנדיק מיט די הענט און שווערע גלידער, און אלע מאל אויסגעדרייט צו זיי דעם קאפ:

—איר האט שוין געארבעט ביי פלאנצן א פרדס?

—פשש... א שאלה דאס איז — האט זיך אראפגעגליטשט פון יאפאנטשיקס מויל א שנעלער ענטפער—זאל איך עס פארמאגן די דונאמס פרדס וואס איך האב שוין פארפלאנצט.

—אויסגעצייכנט ...— איז ער געלאפן פארויס און געדעכעט מיטן לייביקן גוף.

עס איז נישט אריבער א רגע דרייט ער ווידער אויס דעם קאפ:

—און באוואסרן א פרדס קענט איר?



—וואס זאגסטו, מעלמאן?—האט יאפאנטשיק א גליטש געגעבן די אייגלעך אויף זיין זייט.

—אז מען שיקט אונז צו דער ארבעט—ווענדט זיך מעלמאן צו אים מיט א קענטיק איינגעהאלטענעם בייזער—מסתמא קענען מיר דאך אלע ארבעטן.

דעם ד״ר תפוחי איז אפנים נישט זייער אנגעלייגט אזא דריי־סטער, אפענער ענטפער, דערצו נאך אין דעם ניכטערן פרימארגן. עס האט אים א קאך געגעבן אינעווייניק, ער האט אזש דערפילט א מידקייט אין די שווערע פיס. מיט אמאל איז ער שוין אן אפגעשטאנענער גע־גאנגען מיט זיי באגלייך, מיט אנגעשטרענגטע כוחות געבויגן די קניען בארג ארויף.

—אט שוין... אט דארטן דאס רויטע הייזל זעט איר, בחורים?—האט ער געטייטלט אין דער ווייט מיט דער האנט—דארט פלאנץ איך מיין פרדס.

—און אט, דא זעט איר דעם גאנצען שטח? דא איז מיין מאנ־דל־כרם,—נייע צייטן, נייע לידער... פרדסים, זאל זיין פרדסים!—איך וועל אייך אבער זאגען דעם אמת—האט ער אויסגעדרייט צו זיי דאס צעפארעטע פנים—איך האב קיינמאל נישט געוואוסט וואס הייסט א יידישער ארבעטער,—אבדוללא פאלגט וואס מען זאגט אים ... —און איך פארלייד נישט—האט ער אוועקגעדרייט צוריק דאס פנים—אז מען פירט מיט מיר דיסקוסיעס... יעדער ייד איז דאך א קולטור־מענטש, א פולער בויך מיט רייד...—נ־נ־ע... האט ער פארענדיקט מיט א קרעכץ.

ביי יאפאנטשיקן האט זיך דאס פנים א צינד געטאן מיט א טונקעלער רויטקייט, ער האט פאר כעס א לייג איבער געגעבן דעם מעדר פון איין אקסל אויפן צווייטן און א צעהיצטער ארויסגעשטא־מלט:

—ארץ ישראל... זיי זיך מקריב, פאר וועמען?

---

אויף דעם פרייען, פריש צעגראבענעם שטח, וואס האט זיך צעשפרייט ארום און דערנאך זיך ארונטער געלאזט ערגיץ בארג אראפ, האט שוין געווימלט מיט ארבעטער און סתם פרשוינען, וואס מען ווייסט נישט פונוואנען זיי האבן זיך דא אזוי פרי גענומען. מעלמאנען האט דער טארעראם אויסגעזען אזוי נאטירלעך, ווי דאס וואלט זיך שוין געצויגען פון נעכטן, פון אלע מאל—דאס וועט זיך אזוי ציען אייביק, אייביק.

דר׳ תפוחי איז ווי ארויס פון די האלעבליעס, שפרינגט פון איינעם צום צווייטן, ליארעמט און מאכט מיט די הענט, און אין סאמע מיט פון נאקטען שטח פארעט זיך א געשטאלט, בייגט זיך און ווינקט מיט די הענט צו די ווייטע פעלד־מעסטער אנטקעגן, וואס ציען לאנגע שטריק און גיבן סימנים מיט די הויכע, פארביקע מעסט־שטעקענער.

—העכער...

—העכער...

—צופיל...

—א ביסל נידעריקער...

—אט אזוי...

—נאך א ביסל...

ד״ר תפוחי האט צוגלייגטביידע דלאניעס צום מויל און האט ווי נישט מיט זיין קול געשריגן צו דער געשטאלט אין מיטן.

—טאמארא, טאמארא!

דער געשטאלט איז אפנים נישט אנגעגאנגען זיין שרייען, ווייל ער האט נאך מער אויפגעהויבן גוואלדן, די קולות האבן זיך גע־טראגן ווי דאס רעווען פון א חיה.

—צו וואס זאלסטו שטיין דארט וואו מ׳דארף דיר נישט!

—זיי וועלן זיך באגיין אן דיר!

—טאמארא, טאמארא!!

—א מער וואלסטו דא אכטונג געגעבן.

—אט פירט מען דאך שוין די שתילים!

די ערד האט פון זיך געשלאגען ריחות פייכטע, געווירצטע. מעלמאן האט געהיפט פון איין צייכן צום צווייטן, די פירקאנטיקע געצייכנטע קוואדראטן אויף דער ערד האבן געשווינדלט, געפלאכטן זיך איינס אין צווייטן, אלץ מערער אין אלכסון—ביז פארשווינ־דנדיק אין דער ווייט. ער האט מיטן מעדר ארויסגעשאטן א פאר



גארשטשעס ווייכע ערד—און פארטיק א גריבל... די גריבלעך מערן זיך, שורות געבוינענע יונגען ארבעטן פלייסיק, קרעכצן און שנייצן מיט די נעזער, גייען פאראויס, פארויס, ווי זיי וואלטן באדארפט וואס שנעלער אנקומען צו א באשטימטן ציל.

—אוי־ווײ, זע נאר ס׳א מהלך וועג מיר זענען שוין אפגע־גאנגען...—האט איינער פון די ארבעטער פלוצלונג אויסגעדרייט דאס פנים צוריק.

—איך פיל עס טאקע אין זיך—האט א צווייטער קאלטבלוטיק מסכים געווען צו יענעמס התפעלות—אינעווייניק ביי מיר שפילט שוין א מארש.

—און ווי קריגט מען זיך טאקע צו צו מיין אכילה?—דלור־בעט ער תמעוואטע מיט א פינגער אין נאז—עס ליגט אזש דארט ביי די רערן.

— וואס ציטערסטו פאר די „סחורה"?!— גיט זיך א קאך יאפאנטשיק.

—נו, נו, מער קען דיר נישט פעלן, זי זאל דיר זען אדורכ־שפאצירן פאר אירע שיינע אויגן.

—גיי, טיפש, וואס שרעקסטו זיך פאר איר?—גיט אים איינער צו קוראזש—זי וועט דיר אפבייסן דעם פיטום?

און דערווייל, נישט באמערקטערהייט, האט זיך פארפלאכטן א שמועס וועגן דער „סחורה", דעם דאקטערס ווייב—אזוי האבן זיי איר גערופן. דער מיטן אפעטיט צום עסן איז אפגעקומען מיט א שפיי אין די דלאניעס — און זיין מעדר האט זיך ווידער צוגע־כאפט צו דער ערד. די ארבעט איז ווייטער אנגעגאנגען און דער שמועס האט זיך געפלאנטערט, ווי אלע וואלטן זיך געצילט וואס גערעטענער צו טרעפן אין דער פארפארעטער פרויען־געשטאלט וואס האט געהאלטן אין איין קאמאנדעווען מיט די מעסטער:

—אט אזוי...

—א ביסל העכער...

—נאך א ביסל...

ד״ר תפוחי איז שוין מיד געווארן אזוי פיל שעה׳ן ארומלויפן פון איינעם צום צווייטן, די פיס זענען אים, ווי צוגעקלעפט געווארן צו דער ערד, ווייט פון אלעמען איז ער שטיין געבליבן. ארום און ארום האבן זיך ברייטע שטחים צעשפרייט, פאררונדיקט זיך העט ווייט אין דער נידער, צוגעשפארט אזש די בלויע הימלען—און ער אין מיטן... ווי ער וואלט געווען דער צענטער פון ערד־קוגל. ער האט זיך געפילט אזוי דערהויבן, העכער פון אלע מענטשלעכע באשעפ־נישן, וואס גראד איצט האט זייער קול זיך דערטראגן אין זיינע אויערן מיט אזא ווייטן, דינעם פישטשן. ער האט אזוי דין פאר־קוועטשט די אויגן, אלץ ארום אים זאל נאך קלענער, קלענער אויס־זען, ער האט זיך אין גאנצן אויסגעטאן פון מענטשלעכן טאראראם —אלץ געהערט צו אים, ער איז דער נאפל פון דער ערד—אלע וועלן זיך ציען צו אים, דער געוועלטיקער פון דער ערד.

די שעה׳ן האבן שנעל געמעקט דעם הייסן טאג. די זון אן איבערגעגליטע מיט הייסן פייער האט זיך געזעצט אלץ נידעריקער פאמעלעכער ארומגעכאפט מיט א העלישן פלאם דעם גאנצן שטח, די צענדליקער דונאם ערד, וואו קופעס ארבעטער זענען געווען צעוואר־פן דא און דארט, די שארפע אויסגעריבענע שטאלענע מעדרן האבן געפינקלט מיט שטיקער זון, מיט פייערדיקן בליץ.

יונגינקע אראנזש-פלאנצן קאקעטירן מיט זייער זאפטיקן גרין צעצויגן אין לאנגע סימעטרישע שורות איבערן פריש דורכגע־גראבענעם געלן באדן—און שוין גארן זיי נאך חיות, די יונגע ווייכע ווארצלען ציען זיך אין דער טיף, אין דער ברייט, דורשטן נאך זאפט, נאך כוחות.

די זון ליגט אויף נאקנס, אויף פלייצעס איינגעבויגענע פון מידער ארבעט—און מעלמאן איז אויך איינער פון די—גראבט ארום בהרחבה טעלערס ארום די יונגע פלאנצן. פון איין פלאנץ צום צווייטן ציען זיך דורכגעגראבענע רינעס, און דאס וואסער שטראמט פון ערד־טיפענישן, געטריבען פון א מעכטיקן דינאמא, שטראמט דורך דיקע רערן, פלייצט אריין אין די רינעס, שלענגלט זיך און נעמט ארום די פלאנצן פון איינעם צום צווייטן, פון צווייטן צום דריטן, ביז דאס כאפט ארום אלץ און אלעמען. א ריזיקער שטח, און דאס וואסער קרייזלט זיך אין רונגען, אין געדרייטע ליניעס, לעקט מיט נאסער פרישקייט יונגן, גרינעם פלאנץ.

אויסגעוויזן. ליטעראטורן וואקסן ארגאניש, שרייבער וואקסן אין ליטעראטור סביבות, און וואס עכטער, אזעלכער וואקסט־אויס אלץ מער ניכר איז זיין צוגעהעריקייט צו דער געוויסער ליטעראטור. סטאווסקי איז צו עכט אלץ שרייבער, אלץ יידישער שרייבער, דער נייער העברעער זאל נישט פילן זיין פרעמדקייט. מ׳קען אמאל איבערלייענען זיינע אזאך און ס׳זאל געפעלן ווערן— אבער אינטים ווערן קיינמאל נישט. ס׳איז דא אט דער יידישער „עפעס", דאס נישט־דעפענירטע וואס שטעלט זיך אוועק ווי א וואנט. דערפאר אין יידיש איז ער היימיש, אייגן, זאפטיק, אקוראט ווי ער וואלט כל ימיו געווען דער אלטער פארביסענער יידישיסט. אקוראט ער וואלט קיינמאל נישט געדרוקט קיין תמ׳עוואטן פאשקוויל אויף דעם „אונטערגאנג" פון יידיש און טאקע אויף זיין איצטיקן פארלאג קלעצקין.

מיר האבן פון דאנען אפגעווארט סטאווסקי׳ס וועג אין חו"ל. געזען דעם גרויסן כבוד וואס מ׳האט אים אנגעטאן... אין קליינש־טעטלדיקע העברעאישע ארגאניזאציעס—און מיר האבן געהאט אונזער נקמה. איצט האבן מיר דערלעבט אונזער גרעסטע נקמה: דער העברעער סטאווסקי ראטעוועט זיך אויף דער „אונטערגייענדיקער" יידישער שיף. יא, די דאזיקע שיף איז צו גרויס זי זאל נישט קענען טראגן אויך דעם פאסאזשיר!

ד. ל.

## נייע יידישע אויסגאבן אין א"י

אין פארלאג „אין צוים" תל־אביב זענען לעצטנס ארויס צוויי ביכעלעך לידער אין יידיש: יעקב שטאל׳ס ארץ ישראל׳דיקע פאעמע „א חתונה אין קאטרא" און ליובע וואסערמאנ׳ס בינטל לידער „פארנאכטן". „א חתונה אין קאטרא" איז די ערשטע גרעסערע דיכטונג אין יידיש אויף אן ארץ־ישראלידקער טעמע, דער ערשטער אראבישער מאטיוו אין דער יידישער פאעזיע.

## פארדיסלעכער טעות

דורך א טעות איז אפגעדרוקט געווארן אויפן אינוויניקסטן שער דער חדש אוגוסט אנשטאט סעפטעמבער.

פאראנטווארטלעכער (האחראי) דניאל לייבל

פ ר י י ז:
אין ארץ־ישראל — 20 מילים.
אין פוילן מיט פארטא 1.50 גילדן
אין אמריקע און אין אנדערע
לענדער, 15 סענט מיט פארטא

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

**THE CLUB OF JEWISH AUTHORS AND JOURNALISTS OF PALESTINE**

**TEL-AVIV, P. O. B. 313, PALESTINE**

דפוס „המערב" ירושלם